# סצענע 10 ד'
# Escena 10 D

## ווילסט חתונה האָבן מיט מיר ?
## ¿Quieres casarte conmigo?

יאָסל - הײַנט איז דעם זיידנס געבורטסטאָג. לאָמיר בעטן בײַ די "מאַריאַשן" זיי זאָלן שפּילן דעם געבורטסטאָג ליד.

רייזל - טאַטע, מען זאָגט נישט מאַריאַשן, מע זאָגט "מאַריאַטשיס".

גאָלדע - דו זעסט מאָטל, רייזל ווייסט אַזוי פֿיל זאַכן... !!!

בערל - לאָמיר אַלע זינגען דעם געבורטסטאָג ליד !

יאָסל - איך בין שוין הונגעריק.

בערל - יאָ, לאָמיר עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן.

גיסע-ביילע - אויב מענדל וואָלט דאָ געווען וואָלט ער מיר שוין געזאָגט: וואָס האָסטו געבראַכט, באָבע ? איך וויל שוין עסן, איך בין אַזוי הונגעריק...

גיטל - איז לאָמיר עסן! מיר האָבן געבראַכט אַ פּאָר געשמאַקע זאַכן...

זעליג - אַ גוטע אידעע, גיטל !

ציווקע - אָבער דאָ איז אַזוי שיין און רויִק... פֿאַר וואָס דאַרפֿן מיר איצטער עסן ?...

גאָלדע - ווער וויל אַ וווּרשט סענדוויטש ?

גיסע-ביילע - און ווער וויל אַ שטיקל געפֿילטע פֿיש מיט כריין ? איך... איך...

ציווקע - איך וויל אַ האַרט איי.

זעליג - און איך וויל טונפֿיש.

בערל - דאָ זײַנען די קאָקלעטן, שוואַרץ ברויט...

יאָסל - ווּ זײַנען די זויערע אוגערקעס ?

רייזל - איך האָב אַליין צוגערייט אַ סאַלאַט מיט בוראַקעס, מערעלעך, ציבעלעס, אוגערקעס, פּאָמידאָרן, רעטעך, ראָזשינקעס, עפּל, מאַנדלען, און געקאָכטע עוף מיט קאַרטאָפֿל. מאָטל, דו ווילסט אַ ביסל ?

מאָטל - מממ... באמת רייזל, דו האָסט עס אַליין געקאָכט ?

גיסע-בײַלע - וואָס הייסט זי האָט עס אַליין געקאָכט ? נאָך מײַנע לעקציעס קען זי קאָכן זייער געשמאַקע ייִדישע מאכלים !

זעליג - אמת,אמת...

גאָלדע - און זי איז אַזאַ גוטע סטודענטקע אין אוניווערסיטעט..

יאָסל - און זי טאַנצט אַזוי ווי די מלאָכים... און, ווי מענדל וואָלט געזאָגט: דו וואָלסט איר געדאַרפֿט זען פּורים, ווי זי האָט געזונגען מיט איר מאַסקע...

רייזל - אוי טאַטע, שווײַג !

גיטל - דו הערסט בערל, אַ טײַערע און גוטע מיידל...

בערל - און איר באָבע קאָכט אַזוי געשמאַק... מממ, אַ מחייה !!!

ציווקע - מאָטל... איך מיין אַז עס איז שוין צײַט...

מאָטל - רייזל, דו ביסט אַזוי שיין, קלוג, פֿעיק, מאָדערן, דו האָסט אַזאַ ווילע משפּחה ...
און דו קענסט אַפֿילו קאָכן ייִדישע מאכלים !!!
איך וויל דיר זאָגן אַז די פּאָר מאָנאַטן וואָס מיר גייען אַרום, זײַנען זייער וויכטיק פֿאַר מיר.

רייזל - און אויך פֿאַר מיר מאָטל. זייער שיין און וויכטיק. מײַן לעבן האָט זיך אין גאַנצן געענדערט.

מאָטל - רייזעלע... איך האָב דיר זייער ליב ! דו ווילסט חתונה האָבן מיט מיר ?